בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון נ"א

פרשת ויקהל - שקלים
שנת תשפ"ד

מוסדות היכל הקודש ברסלב


## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת מִקֵּץ, שְׁנַת תשפ"ג

## שְׁוֶוערֶע קִינְדֶער •

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף זֶענֶען מִיר מַמְשִׁיךְ מִיטְן שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת מִקֵּץ, נֵר ד' דַּחֲנֻכָּה, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.**

### חַכְמֵי כֶעלְם

עֶנְק וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל, דֶער שְׁטֶעטְל אִיז אַן אַנְדֶערֶע וֶועלְט, אִיךְ וֵייס נִישְׁט צִי עֶטְץ הַאלְטְס מִיט וָואס טוּט זִיךְ אָפּ אִין שְׁטָאט; כִּמְעַט יֶעדֶע קִינְד הָאט פְּרָאבְּלֶעמֶען, מֶענְטְל אִישׁוּס (גֵייסְטִישֶׁע פְּרָאבְּלֶעמֶען), דָאס זֶענֶען זַאכְן וָואס מֶען רֶעדְט נִישְׁט דֶערְפוּן אָפְן, אָבֶּער בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט גֵייעֶן כִּמְעַט אַלֶע קִינְדֶער אוֹיף הִילְף.

אִיךְ הָאבּ תַּלְמִידִים אִינְגֶעלַייט וָואס זֵייעֶר פַּרְנָסָה אִיז צוּ דְרֵייוְון קַאר סֶערְוִויס, זָאגְן זֵיי מִיר: **"דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֵוייסְט נִישְׁט וִויפִיל קִינְדֶער גֵייעֶן אַלְץ צוּ טֶערֶעפִּי, נַיינְצִיג פְּרָאצֶענְט טְרִיפְּס פוּן אִינְמִיטְן טָאג זֶענֶען פוּן קִינְדֶער וָואס מֶען טְרָאגְט זֵיי פוּן חֵדֶר צוּם דָאקְטֶער, צוּם פְּסִיכַאיַאטֶער אוּן צוּם סְפֶּעשֶׁעלִיסְ"ט!"**

דָאס אִיז אַזוֹי וִוי דִי מַעֲשֶׂה פוּן כֶעלְם. אִין שְׁטָאט כֶעלְם אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרִיק וָואס אִינְמִיטְן דִי בְּרִיק, דָארְט וואוּ דִי קַארְן הָאבְּן זִיךְ גֶעדַארְפְט אַיינְדְרֵייעֶן, אִיז דִי צוֹים גֶעוֶוען צֶעבְּרָאכְן, קַארְן פְלֶעגְן אַרַיין פַאלְן אִין וַואסֶער, הָאבְּן זֵיי גֶעבּוֹיט אַ שְׁפִּיטָאל נֶעבְּן דֶעם בְּרִיק, כְּדֵי דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס פַאלְן אַרָאפּ אִין וַואסֶער זָאלְן גְלַייךְ הָאבְּן אַ שְׁפִּיטָאל נֶעבְּן זִיךְ, מֶען זָאל זֵיי אֶפְשָׁר קֶענֶען רַאטֶעוֶוען זֵייעֶר לֶעבְּן... אֵיי, דוּ קֶענְסְט דָאךְ לֵייגְן אַ צוֹים, דוּ קֶענְסְט דָאךְ פַארְרֶעכְטְן דֶעם בְּרִיק?! - דוּ קֶענְסְט דָאךְ אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה?! אַז מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה פַאלְן אַוֶועק אַלֶע פְּחָדִים, אַלֶע גֵייסְטִישֶׁע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

### אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ

עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג צוּ רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה אֵיין מָאל אַ יָאר, עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג אוֹיבּ מֶען זָאגְט 'פּוּרִים' אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, דָאס הֶעלְפְט נָאכְנִישְׁט; מֶען דַארְף דָאס חַזֶרְ'ן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, מֶען פְּרֶעדִיגְט עֶס אַרַיין אִין הַארְץ אַזוֹי שְׁטַארְק אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן אִינְמִיטְן שְׁלָאף זָאל עֶר זִיךְ צוּשְׁרֵייעֶן: **"אֵייבֶּערְשְׁטֶער"!**

דָא אִין שְׁטֶעטְל אִיז דָא אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע נֵס, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ גֶעפְּלַאצְטֶע קִישְׁקֶע, אוּן בִּשְׁעַת מֶען הָאט אִים אַפֶּערִירְט הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּרִיק כַאפְּן דֶעם אָטֶעם, מֶען הָאט אִים גֶעדַארְפְט אַרוֹיף לֵייגְן אוֹיף אַ רֶעסְפֶּערֶעיטֶער, עֶר אִיז נֶעבֶּעךְ גֶעלִיגְן פַארְשְׁלַאפְט אִין שְׁפִּיטָאל, שְׁפֶּעטֶער הָאט מֶען אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן אַבִּיסְל אוֹיפְוֶועקְן, עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעקֶענְט רֶעדְן, הָאט מֶען אִים גֶעגֶעבְּן אַ פֶעדֶער צוּ שְׁרַייבְּן, הָאט עֶר גֶעשְׁרִיבְּן דִי וֶוערְטֶער: **"אִיךְ וֵייס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט"** - דָאס הָאט עֶר גֶעשְׁרִיבְּן וֶוען עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען הַאלְבּ-וֶועגְס פַארְשְׁלָאפְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לִיגְט אִין שְׁפִּיטָאל אוֹיף אַ רֶעסְפֶּערֶעיטֶער, קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט מַאכְן אוּן סְפֶּעצִיעֶל שְׁרַייבְּן דִי וֶוערְטֶער, מִיטְ'ן חֶשְׁבּוֹן 'מֶען זָאל זֶען אַז אִיךְ שְׁרַייבּ דָאס'... אִין אַזַא צַייט קוּמְט אַרוֹיס וָואס עֶס לִיגְט אִינֶעוֵוייְנִיג אִינֶעם מֶענְטְשׁ.

שְׁנַת תשכ"ח וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעכַאפְּט זַיין סְטְרָאוּק לֹא עָלֵינוּ, אִיז עֶר שׁוֹין גֶעוֶוען אַכְצִיג יָאר, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ נֵס אַז עֶר הָאט גֶעלֶעבְּט נָאךְ עֶלְף יָאר בִּיז שְׁנַת תשל"ט; דֶערְצֵיילְט מֶען אוֹיךְ אַז וֶוען עֶר הָאט זִיךְ צוּרִיק אוֹיפְגֶעוֶועקְט הָאט אִים דֶער דָאקְטֶער גֶעגֶעבְּן אַ פֶּעדֶער עֶר זָאל עֶפֶּעס שְׁרַייבְּן, הָאט עֶר גֶעשְׁרִיבְּן דִי וֶוערְטֶער: **"אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ"**.

זֶעט מֶען וָואס אַ צַדִּיקְ'ס קָאפּ אִיז, דֶער צַדִּיק טְרַאכְט שְׁטֶענְדִיג פוּן 'אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ', אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן דָאס וִויל אִיךְ מֶען זָאל אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער, בַּיי דִי אִינְגְלֶעךְ אוּן מֵיידְלֶעךְ, בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט, בַּיי אִידִישׁ אוּן בַּיי עֶנְגְלִישׁ, בַּיים לֶערְנֶען אוּן בַּיים שְׁפִּילְן, אִין חֵדֶר, אוֹיפְ'ן בָּאס, בַּיים נֵייעֶן, בַּיים בַּאקְן, בַּיים קָאכְן אוּן בַּיים אוֹיפְרוֹימֶען.

נָאר פוּן דֶעם דַארְף מֶען רֶעדְן! - נָאר אַזוֹי וִוי מֶען קֶען דָאךְ נִישְׁט אָנְכַאפְּן אַ מֶענְטְשׁ אוּן אִים זָאגְן אַ גַאנְצְן טָאג דִי זֶעלְבֶּע פָּאר וֶוערְטֶער: **"עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער"**, **"עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער"**, **"עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער"**, - עֶס וֶועט נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִין אִים, אוּן מֶען וִויל דָאךְ אַז עֶס זָאל יָא אַרַיין גֵיין אִין אִים, דַארְף מֶען דָאס אָנְטוּן מִיט אַנְדֶערֶע וֶוערְטֶער, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אוֹיבּ אַ קִינְד רוּפְט זִיךְ אָן אִינְמִיטְן טָאג: **"אִיךְ קֶען נִישְׁט"**, זָאגְט מֶען אִים: **"דוּ קֶענְסְט יָא, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען"**.

## דוּ קֶענְסְט יָא!

עֶס מַאכְט זִיךְ אַסַאךְ מָאל וֶוען אַ מְלַמֵד טֵיילְט אוֹיס צֶעטְלֶעךְ צוּ קָאלֶערְן, רוּפְט זִיךְ אַ קִינְד אָן: **"אִיךְ קֶען נִישְׁט"** אוּן עֶר גֶעבְּט אַ צֶערַייס דֶעם צֶעטְל... דֶער מְלַמֵד מֵיינְט שׁוֹין אַז דֶער קִינְד אִיז אַ 'מְחוּצָף', בֶּאֱמֶת אִיז דֶער קִינְד נִישְׁט קֵיין מְחוּצָף, נָאר אִין זַיין קָאפּ וֵוייסְט עֶר אַז עֶר קֶען טַאקֶע נִישְׁט, וַוייל דָאס הֶערְט עֶר אַ גַאנְצְן טָאג אִינְדֶערְהֵיים פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערְן, **"דוּ קֶענְסְט נִישְׁט"**, **"דוּ קֶענְסְט נִישְׁט"**, **"דוּ קֶענְסְט נִישְׁט"**, וֶועגְן דֶעם וֶוערְט דֶער קִינְד אַזוֹי בְּרוֹגֶז וֶוען מֶען גֶעבְּט אִים אַ צֶעטְל צוּ קָאלֶערְן, עֶר טְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'וָואס וִוילְסְטוּ פוּן מִיר? דוּ וִוילְסְט מִיר נָאכְאַמָאל וַוייזְן אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט...' דַארְף דֶער מְלַמֵד זָאגְן פַאר דֶעם קִינְד שֵׁיינֶערְהֵייט: **"דוּ קֶענְסְט יָא"**, **"קוּק וִוי שֵׁיין דוּ מַאכְסְט"**.

## אַ קִינְד וִויל נִישְׁט דַאוֶוענֶען

אַז אַ קִינְד קָאלֶערְט אַרוֹיס פוּנֶעם בִּילְד אָדֶער שְׁנַיידְט נִישְׁט גְרָאד דַארְף מֶען אִים נָאכְנִישְׁט טְרָאגְן צוּ הִילְף. בָּרוּךְ הַשֵׁם אַז דָא טוּט מֶען דָאס נִישְׁט אָבֶּער אִין שְׁטָאט זֶענֶען דָא שׁוּלֶעס וָואס מֶען שִׁיקְט דִי קִינְדֶער צוּ סְפֶּעצִיעֶלֶע הִילְף אוֹיבּ זֵיי קָאלֶערְן אַרוֹיס פוּן דִי בִּילְד אָדֶער שְׁנַיידְן נִישְׁט גְרָאד. מַיינֶע שְׁוֶועסְטֶערְס דֶערְצֵיילְן מִיר, אַז אִין דִי מוֹסְדוֹת וואוּ זֵיי שִׁיקְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אוֹיבּ אַ קְלֵיין קִינְד וִויל נִישְׁט דַאוֶוענֶען, רוּפְט מֶען אָן דִי עֶלְטֶערְן אַז דָאס קִינְד דַארְף גֵיין אוֹיף הִילְף...

וָואס אִיז אוֹיבּ אַ קִינְד וִויל נִישְׁט דַאוֶוענֶען?! זֵיי זֶענֶען דָאךְ קִינְדֶער, קִינְדֶער וִוילְן נִישְׁט דַאוֶוענֶען!

אַסַאךְ מָאל קוּמֶען צוּ מִיר מְלַמְדִים זִיךְ אָפְּרֶעדְן אַז זֵיי הָאבְּן אַ קִינְד אִין כִּתָּה וָואס וִויל נִישְׁט מִיט דַאוֶוענֶען, וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן דַאוֶוענֶען בְּלַייבְּט עֶר קְלָאצְן, זָאג אִיךְ זֵיי: **"אַן עֶרְוַואקְסֶענֶער מֶענְטְשׁ וִויל אוֹיךְ נִישְׁט דַאוֶוענֶען, נָאכְדֶערְצוּ אַז עֶר אִיז נָאךְ אַ קִינְד..."** - אֵיי, וָואס זָאל מֶען טוּן? מֶען זָאל אוֹיפְהֶערְן דַאוֶוענֶען מִיט דִי קִינְדֶער? נֵיין! דוּ הָאסְט אַן עֵצָה, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ מַאכְן אַז דִי גַאנְצֶע כִּתָּה זָאל מִיט דַאוֶוענֶען, קֶען זַיין מִיט טִיקֶעטְס אָדֶער מִיט קֶענְדִיס.

אָדֶער קֶען מֶען מַאכְן אַזוֹי וִוי מֶען פָּארְט דָאךְ סֵיי וִוי יֶעדֶע סוֹף יָאר אוֹיף אַ טְרִיפּ (אוֹיסְפְלוּג), קֶען מֶען דָאס אוֹיסְנִיצְן צוּ מְחַזֵק זַיין זַאכְן וָואס זֶענֶען שְׁוַואךְ, וִוי דָאס דַאוֶוענֶען אָדֶער 'דֶרֶךְ אֶרֶץ', מֶען זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: **"אַלֶע קִינְדֶער וָואס דַאוֶוענֶען שֵׁיין גֵייעֶן מִיט קוּמֶען צוּם טְרִיפּ"**, **"אַלֶע קִינְדֶער וָואס גֵייעֶן זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג גֵייעֶן מִיט קוּמֶען צוּם טְרִיפּ"**.

## מֶען וַוארְפְט נִישְׁט אַוֶועק אַ קִינְד!

עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז **"דֶער קִינְד הַאלְט נִישְׁט בַּיי גָארְנִישְׁט"**, מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל טְרֶעפְן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ מַאכְן דֶעם קִינְד דַאוֶוענֶען.

אִיךְ וֶועל עֶנְק אוֹיסְזָאגְן אַ סוֹד, אַלְס קִינְד אוּן אַלְס בָּחוּר הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט גֶעהַאלְטְן בַּיי גָארְנִישְׁט, אִיךְ בִּין גֶעזִיצְן אִין חֵדֶר אַזוֹי וִוי אַלֶע גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ אַ גַאנְצְן צַייט גֶעקוּקְט אוֹיפְ'ן זֵייגֶער צוּ זֶען וֶוען עֶס וֶוערְט שׁוֹין לָאנְטְשׁ אוּן אִיךְ וֶועל שׁוֹין קֶענֶען אַרוֹיס לוֹיפְן פוּן דָא. מִיר הָאבְּן גֶעהַאט גַאנְצֶעטֶע פְּלֶענֶער וואוּ מֶען גֵייט יֶעדְן טָאג נָאךְ חֵדֶר; מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען אַ חַבוּרָה פוּן קִינְדֶער וָואס מִיר פְלֶעגְן זִיךְ צוּזַאמְקוּמֶען נָאךְ חֵדֶר אִין אַ בֶּעיסְמֶענְט, מִיר הָאבְּן גֶעקוֹיפְט אַ דְזְשִׁיקְסָאוֹ (זֶעג מַאשִׁין) אוּן מִיר הָאבְּן גֶעשְׁנִיטְן הֶעלְצֶער, צוּ מַאכְן דֶערְפוּן פִידְלֶען אוּן קְרוֹינֶען, וֶוען מַיין רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט פוּן דִי גְמָרָא אוּן פוּן חוּמָשׁ הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעהֶערְט, אִיז וָואס? מֶען דַארְף מִיךְ אַוֶועק וַוארְפְן? בָּרוּךְ הַשֵׁם הַיינְט לֶערְן אִיךְ גְמָרָא מִיט חוּמָשׁ.

מֶען וַוארְפְט נִישְׁט אַוֶועק אַ קִינְד, אִיךְ דַארְף טְרֶעפְן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי אִיךְ קֶען מַאכְן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן יָא מִיט לֶערְנֶען.

עַל כָּל פָּנִים, אִיךְ וִויל צוּרִיק קוּמֶען צוּ וָואס מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶעם שְׁמוּעֶס; דֶער מוֹסָד הָאבְּן מִיר גֶעעֶפְנְט פַאר אֵיין צִיל, צוּ פְּרֶעדִיגְן אוּן אַרַיין פְּרֶעגְלֶען אִין דִי קִינְדֶער 'אֱמוּנָה', אַז 'עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער' אוּן 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיךְ הֶעלְפְן'.

## מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים גֵייעֶן אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער

אִיךְ בֶּעט פוּן אַלֶע מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס; מֶען מוּז דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער 'מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים'.

נֶעכְטְן בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין כִּתָּה ה', אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער, אִינְמִיטְן אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּ רֶעדְן פוּן דָאס אִידִישְׁקֵייט אִין רוּסְלַאנְד, הָאבְּן קִינְדֶער אוֹיפְגֶעהוֹיבְן זֵייעֶר הַאנְט אוּן גֶעזָאגְט אַז זֵיי קֶענֶען מַעֲשִׂיוֹת פוּן אִידִישְׁקֵייט אִין רוּסְלַאנְד וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט פַאר צְוֵויי יָאר צוּרִיק פוּן אַ מְלַמֵד, אוּן אַ אִינְגְל הֵייבְּט אָן צוּ דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן מְסִירַת נֶפֶשׁ פוּן רִיבְנִיצֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיךְ הָאבּ גֶעקְוָואלְן פוּן נַחַת צוּ זֶען וִוי דִי מַעֲשִׂיוֹת זֶענֶען אַזוֹי שְׁטַארְק אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אַז זֵיי קֶענֶען צְוֵויי יָאר שְׁפֶּעטֶער זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן אוּן דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשִׂיוֹת פַאר אַ גַאנְצֶע כִּתָּה, כְּזָקֵן וְרָגִיל.

וֶוען יֶענֶער מְלַמֵד הָאט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשִׂיוֹת הָאט עֶר מִן הַסְתַּם גֶעמֵיינְט אַז קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, אוּן עֶר גֶעדֶענְקְט שׁוֹין אֲפִילוּ נִישְׁט אַז עֶר הָאט בִּכְלַל דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשִׂיוֹת, דָא זֶעט מֶען אַז מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים גֵייעֶן אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער.

אַלֶע מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס מוּזְן זִיךְ פָּארְקוּקְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים, מֶען מוּז דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים; פוּן דֶער רֶבִּי, פוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב, פוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ, פוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא, חֲנוּכָּה קֶען מֶען דֶערְצֵיילְן דִי בַּאקַאנְטֶע מַעֲשֶׂה פוּן דֶעם אִיד וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רַשַׁ"בּ פוּן לְיוּבַּאוִויטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל מִיט נֶעמֶען אוֹיפְ'ן וֶועג אַ מְנוֹרָה, אוּן רוֹיבֶּערְס הָאבְּן אִים גֶעכַאפְּט אוּן דוּרְךְ דִי מְנוֹרָה אִיז עֶר גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן. הַיינְט אִיז דָא אַזוֹיפִיל מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ, מֶען מוּז דֶערְצֵיילְן פַאר קִינְדֶער מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: מַיין הַארְץ הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעפְלַאמְט דוּרְךְ דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ אַלְס קִינְד גֶעהֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן מַיין זֵיידֶע דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיר הֶערְט וָואס דָא גֵייט פָּאר?! דֶער רֶבִּי הָאט אַלְס קִינְד גֶעהֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בֶּעל שֵׁם טוֹב אוּן זַיין הַארְץ הָאט אוֹיפְגֶעפְלַאמְט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

## זֵיי גֵייעֶן פִירְן דִי מוֹסָד אִין צֶען יָאר אַרוּם

דִי אַלֶע שְׁוֶועֶרֶע קִינְדֶער וָואס מֶען קֶען מִיט זֵיי גָארְנִישְׁט טוּן, קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט זֵיי, וַוייל זֵיי גֵייעֶן פִירְן דִי מוֹסָד אִין צֶען יָאר אַרוּם! אִיךְ הָאבּ אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס אִיז הַיינְט מֶענֶעדְזְשֶׁער אִין דִי מוֹסָד, אוּן

# הֶמְשֵׁךְ שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת מִקֵץ, שְׁנַת תשפ"ג

## שְׁוֶועֶרֶע קִינְדֶער •

וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין חֵדֶר הָאט קֵיינֶער נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף אִים, מֶען הָאט אִים גֶעוָוארְפְן וִוי אַ בָּאלִי; אִיךְ גֶעדֶענְק וִוי שְׁטַארְק עֶר הָאט גֶעוָואלְט אָנְקוּמֶען לֶערְנֶען בַּיי מִיר אִין חֵדֶר, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעהַאלְטְן אַן אוֹיג אוֹיף אִים וֶוען עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אִין כִּתָּה ה', אִיךְ הָאבּ אִים אַלְץ גֶעגֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער; אַזוֹי פְלֶעג אִיךְ אַלְץ טוּן, אִיךְ הָאבּ אַלְץ גֶעגֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי קִינְדֶער וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז מֶען שְׁטוֹיסְט זִיךְ מִיט זֵיי.

לְמַעֲשֶׂה, וֶוען עֶר הָאט גֶעדַארְפְט אַרַיין קוּמֶען צוּ מִיר אִין כִּתָּה ט', הָאט מֶען מִיךְ אַרוֹיס גֶעוָוארְפְן, דֶער אִינְגְל הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וֵויינֶען אַ גַאנְצֶע טָאג אוּן אַ גַאנְצֶע נַאכְט, וַוייל עֶר הָאט שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אַרוֹיס גֶעקוּקְט אַז עֶר גֵייט אָנְקוּמֶען צוּ אַ רֶבִּי וָואס הָאט אִים לִיבּ, אוּן פּוּנְקְט פַאר'ן אַרַיין קוּמֶען צוּ מִיר הָאט מֶען מִיךְ אַרוֹיס גֶעוָוארְפְן, אִיז עֶר אַרַיין גֶעקוּמֶען לֶערְנֶען אִין יְשִׁיבָה בַּיי מִיר. יֶעצְט זֶע, הַיינְט פִירְט עֶר אַ מוֹסָד, עֶר הֶעלְפְט אַ מוֹסָד, עֶר בּוֹיט אִידִישְׁקֵייט.

אַז דוּ הָאסְט אַ גוּטֶע צִיפֶּעדִיגֶע אִינְגְל אִין חֵדֶר, וָואס וֶוען עֶר קוּמְט נִישְׁט אִין חֵדֶר אִיז אַלֶעס פֵּיין... זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז מֶען הָאט דִיךְ אוֹיפְגֶענוּמֶען נָאר פַאר דֶעם קִינְד! לֵייג אַרַיין אִין אִים אֵייבֶּערְשְׁטֶער, לֵייג אַרַיין אִין אִים גוּטֶע מִידוֹת.

יֶעצְט שְׁטֵייעֶן מִיר אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן חֲנוּכָּה, וָואס דִי יְוָנִים הָאבְּן גֶעוָואלְט 'אוֹיסְרַייסְן' אִידִישְׁקֵייט, דַארְפְן מִיר 'בּוֹיעֶן' אִידִישְׁקֵייט, בּוֹיעֶן אֱמוּנָה, אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה.

**הֶמְשֵׁךְ פוּנֶעם שִׁיעוּר וֶועט קוּמֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ**

# בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## מֶעג אִיךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין אִין קְלַאס בִּשְׁעַת דִי קִינְדֶער דַאוְונֶען?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵד אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיךְ מֶעג מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין אִין קְלַאס בִּשְׁעַת וֶוען דִי קִינְדֶער דַאוְונֶען, אָדֶער דַארְף אִיךְ הַאלְטְן אַ וַואכְזַאם אוֹיג אוֹיף דִי קִינְדֶער דִי גַאנְצֶע צַייט, אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט דֶערְוַוייל אַרַיינְקוּקְן אִין אַ סֵפֶר?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"א תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וִויסְן זָאלְסְטוּ, אַ מְלַמֵד אִיז זֵייעֶר אַ חָשׁוּבְ'עֶ אַרְבֶּעט, זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וִוי לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן.

דֶער רַמְבַּ"ם פַּסְקְ'נְט (פֶּרֶק ב' מֵהִלְכוֹת תַּלְמוּד תּוֹרָה, הֲלָכָה ב): "וְאֵין מְבַטְלִין הַתִּינוֹקוֹת, וַאֲפִלּוּ לְבִנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ", מֶען טָאר נִישְׁט מְבַטֵל זַיין קִינְדֶער פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה - אֲפִילוּ מֶען דַארְף זֵיי הָאבְּן צוּ הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ; אִינְטֶערֶעסַאנְט אַז דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט אִיבֶּער דִי הֲלָכָה נָאכְאַמָאל (פֶּרֶק א' מֵהִלְכוֹת בֵּית הַבְּחִירָה, הֲלָכָה יב): "וְאֵין מְבַטְלִין תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן לַבִּנְיָן", מֶען טָאר נִישְׁט שְׁטֶערְן דִי קִינְדֶער פוּן לֶערְנֶען, אֲפִילוּ מֶען דַארְף זֵיי הָאבְּן צוּ בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ; וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִיקִים אַז דָאס אִיז צְוֵויי בַּאזוּנְדֶערֶע זַאכְן, דֶער רַמְבַּ"ם לֶערְנְט אוּנְז צְוֵויי דִינִים, אֵיינְס אַז קִינְדֶער דַארְפְן לֶערְנֶען תּוֹרָה יֶעדְן טָאג אוּן טָארְן זִיךְ נִישְׁט מְבַטֵל זַיין פַאר גָארְנִישְׁט, דָאס אִיז אַן הֲלָכָה אִין הִלְכוֹת תַּלְמוּד תּוֹרָה, צְוֵוייטְנְס וִוי אַזוֹי בּוֹיט מֶען אוֹיף דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ? דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן, דִי הֲלָכָה אִיז אִין הִלְכוֹת בֵּית הַבְּחִירָה.

אַ מְלַמֵד טָאר נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן דִי קִינְדֶער אוּן אַרוֹיסְגֵיין פוּן כִּתָּה, אָבֶּער אַז מֶען אִיז אִין כִּתָּה אוּן דִי קִינְדֶער דַאוְונֶען אָדֶער חַזֶר'ן וָואס זֵיי לֶערְנֶען - מֶעג דֶער מְלַמֵד לֶערְנֶען אָדֶער זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה פרשת דברים תשפ"ג)

## וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אוֹיפְקְלֶערְן מַיינֶע חֲבֵרִים נִישְׁט צוּ זַיין מְחוּצָפִּים?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ זֶע אֵייבִּיג וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הֶעלְפְט בָּחוּרִים מִיט אַלֶע סָארְט פְּרָאבְּלֶעמֶען, אֶפְשָׁר וֶועט אִיר מִיר אוֹיךְ קֶענֶען הֶעלְפְן.

אִיךְ בִּין אַ חַסִידְ'ישֶׁער בָּחוּר, אִין אַ חֲסִידִישֶׁע יְשִׁיבָה, מִיט גוּטֶע חֲבֵרִים חָשׁוּבֶע אֵיידֶעלֶע בָּחוּרִים. מַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז זֵיי קֶענֶען אַסַאךְ מָאל זַיין חוּצְפָּה'דִיג צוּם מַשְׁגִּיחַ. דֶער מַשְׁגִּיחַ אִיז אַ חָשׁוּבֶער תַּלְמוּד חָכָם וָואס הֶעלְפְט יֶעדְן פוּן אוּנְז שְׁטֵייגְן, עֶר אִיז אַפָּאר מָאל אוֹיךְ אַבִּיסְל שְׁטְרֶענְג אוּן דִי בָּחוּרִים מַאכְן חוֹזֶק פוּן אִים אָדֶער אִיגְנָארִירְן זֵיי אִים. עֶר מַאכְט זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן, אָבֶּער אִיךְ זֶע אַז עֶס שְׁטֶערְט אִים עֶבְּט יָא. אוֹיךְ וֶוען עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף זָאגְן אַ דְרָשָׁה, קֶענֶען זֵיי זַיין חוּצְפָּה'דִיג אוּן בְּרוּמֶען. וִויאַזוֹי קֶען אִיךְ זֵיי מַסְבִּיר זַיין אַז זֵייעֶר אוֹיפְפִירוּנְג אִיז נִישְׁט גוּט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי דוּ זָאלְסְט מוּסָרְ'ן דִי בָּחוּרִים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת סה:): "כְּשֵׁם שֶׁמִּצְוָה עַל אָדָם לוֹמַר דָּבָר הַנִּשְׁמַע, כַּךְ מִצְוָה עַל אָדָם שֶׁלֹּא לוֹמַר דָּבָר שֶׁאֵינוֹ נִשְׁמַע" אוֹיבּ מֶען וֵייסְט קְלָאר אַז מֶען וֶועט זָאגְן פַאר אֵיינֶעם מוּסָר אוּן יֶענֶער וֶועט דָאס נִישְׁט אָנְנֶעמֶען - זָאל מֶען נִישְׁט מוּסָרְ'ן יֶענֶעם; זָאג זֵיי נִישְׁט קַיין מוּסָר, נִישְׁט נָאר זֵיי וֶועלְן נִישְׁט אָנְנֶעמֶען וָואס דוּ זָאגְסְט, דוּ וֶועסְט נָאךְ וֶוערְן אַ חוֹזֶק צְוִוישְׁן זֵיי.

דוּ פִּיר זִיךְ אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין אוּן נוּץ אוֹיס דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קנב.): "יַנְקוּתָא כְּלִילָא דְוַרְדָּא", דִי יוּנְגֶע יָארְן אִיז וִוי אַ קְרוֹין פוּן שֵׁיינֶע רוֹיזְן; אַז מֶען נוּצְט אוֹיס דִי יוּנְגֶע יָארְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין אִיז דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן

נָאכְדֶעם ווִי אַ קְרוֹין. נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (שָׁם): "וַוי לַהּ לַחֲדָא דְּאָזְלָא וְלָא אָתְיָא", וֵויי פַאר דִי שֵׁיינֶע יוּנְגֶע יָארְן וָואס גֵייעֶן אַוֶועק אוּן קוּמֶען נִישְׁט צוּרִיק; נוּץ אוֹיס דִי יוּנְגֶע יָארְן אִין יְשִׁיבָה מִיט תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה.

גֶעבּ אַכְטוּנְג קֵיינְמָאל נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן אַ צְוֵוייטְן - נִישְׁט קַיין חִילוּק אַ בָּחוּר, אַ מַשְׁגִּיחַ אָדֶער דֶער וָואס רוֹימְט דִי יְשִׁיבָה. אַז דוּ וֶועסְט רַחְמָנוּת אוֹיף אַנְדֶערֶע וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה פשת עקב תש"פ)

## מֶעג מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר קִינְדֶער צוּרִיק צוּ שְׁלָאגְן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק אוּן הַדְרָכָה, סְפֶּעצִיעֶל וֶועגְן חִינוּךְ הַיְלָדִים, אַלְס אַ מַאמֶע צוּ מַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶערְלֶעךְ הֶעלְפְּט מִיר דָאס זֵייעֶר אַסַאךְ אַרוֹיס, אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ כַאפּ אִיךְ מֶער אוּן מֶער ווִי אַזוֹי מֶען דַארְף רֶעדְן אוּן הַאנְדְלֶען מִיט דִי קִינְדֶער.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַ שִׁיעוּר וָואס דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער אַ פֶּעשֶׁע אִינְגְל וָואס הָאט גֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרַא"שׁ אַז קִינְדֶער טְשֶׁעפֶּען אִים, אוּן מוֹהֲרַא"שׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל טֵיילְן פֶּעטְשׁ, אוּן פוּן דֶעמָאלְט הָאט מֶען אִים אוֹיפְגֶעהֶערְט טְשֶׁעפֶּען, דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז וֶוען אַ קִינְד הָאט נִישְׁט קַיין זֶעלְבְּסְטְזִיכֶערְקֵייט לָאזְט עֶר זִיךְ טְשֶׁעפֶּען אוּן שְׁלָאגְן פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן מֶען דַארְף אִים גֶעבְּן דִי שְׁטַארְקֵייט.

אִיךְ בִּין נִישְׁט קְלָאר אִין דֶעם, אִיז דָאס דִי וֶועג בִּכְלָלִיּוּת אַזוֹי אוֹיסְצוּלֶערְנֶען פַאר קִינְדֶער, צוּם בֵּיישְׁפִּיל אוֹיבּ אִיז דָא אַ מֵיידְל וָואס צִיפְּט בְּסֵדֶר מַיין טָאכְטֶער, זָאל אִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען מַיין מֵיידְל אִיר צוּרִיק צוּ גֶעבְּן אַ צִיפּ? אוֹיבּ אַ צְוֵוייטֶע מֵיידְל טַאנְצְט אַרוֹיף אוֹיף אִיר, זָאל זִי אִיר צוּרִיק טוּן דִי זֶעלְבֶּע?

אֵיין טָאג הָאט מַיין אִינְגְל מִיר דֶערְצֵיילְט אַז אַנְדֶערֶע קִינְדֶער הָאבְּן אִים גֶעטְשֶׁעפֶּעט אוּן חוֹזֶק גֶעמַאכְט, סְתַּם קִינְדֶערִישׁ גֶערֶעדְט נַארִישׁ, אוּן אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר קֶען צוּרִיק טוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ פַאר זֵיי, עֶר הָאט זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן דֶעם גֶעדַאנְק, מַיין שְׁאֵלָה אִיז נָאר אוֹיבּ אִיז טַאקֶע רִיכְטִיג אַזוֹי אוֹיסְצוּלֶערְנֶען פַאר קִינְדֶער, צוּ נְקָמָה נֶעמֶען אוּן שְׁלָאגְן? עֶס זֶעט מִיר נִישְׁט אוֹיס ווִי דָאס אִיז אַ וֶועג ווִי אַ אִיד מֶעג זִיךְ פִירְן.

אִיךְ הָאף דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר גֶעבְּן דִי רִיכְטִיגֶע הַדְרָכָה אִין דֶעם עִנְיָן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַוַדַאי אוּן אַוַדַאי דַארְף מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער מִדּוֹת טוֹבוֹת אוּן נִישְׁט טוּן נְקָמָה, אָבֶּער אַז עֶס קוּמְט אַ קִינְד מִיט שְׁלֶעכְטֶע נַאטוּרְן אוּן טְרֶעפְט אַ שְׁוַואכֶע קִינְד אוּן טוּט אִים מַזִּיק זַיין - דַארְף מֶען זִיךְ אַלֵיין רַאטֶעוֶוען, אוּן עֶס שְׁטֵייט קְלָאר אִין דִי פּוֹסְקִים (חֹשֶׁן מִשְׁפָּט סִימָן תכא, סְעִיף י): "יֵשׁ לוֹ רְשׁוּת לַשֵּׁנִי לַחֲבוֹל, כְּדֵי לְהַצִּיל עַצְמוֹ בּוֹ", מֶען מֶעג יֶענֶעם שֶׁעדִיגְן כְּדֵי זִיךְ צוּ בַּאשִׁיצְן.

אַז אַייעֶר זוּן אָדֶער טָאכְטֶער דֶערְצֵיילְט טָאג נָאךְ טָאג אַז אַ קִינְד טוּט אִים רוֹדְפְ'ן - דַארְף מֶען דָאס קוֹדֶם פֶּעסְטְשְׁטֶעלְן אוֹיבּ אִיז דָאס נִישְׁט קַיין דִמְיוֹן, אוּן אַז מֶען זֶעט אַז דָאס אִיז אֱמֶת - פְּרוּבִּירְט מֶען מִיט גוּטְן, אָדֶער רֶעדְט מֶען צוּ יֶענֶעמְ'ס עֶלְטֶערְן, אָדֶער אִיז מֶען יֶענֶעם מְשַׁחֵד מִיט נַאשֶׁערַייעֶן, אוּן אַז עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט - דַארְף מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען דָאס קִינְד זָאל יֶענֶעם גֶעבְּן טוֹעֵם זַיין פוּן דִי מַאֲכָלִים וָואס עֶר קָאכְט.

מוֹהֲרַא"שׁ זְכוּת יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דֶערְצֵיילְט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פוּן סַאטְמֶער הָאט אַמָאל אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט דָאס אוֹיפְנֶעמֶען דִי מֶענְטְשְׁן, וֶוען אַ פְּרוֹי אִיז אַרַיינְגֶעלָאפְן מִיט אַ גֶעוֵויין אַז אִיר מַאן שְׁלָאגְט אִיר אוּן דֶער רֶבִּי גֶערוּפְן דֶעם גַבְּאַי ר' יוֹסְל אַשְׁכְּנַזִי עֶר זָאל שׁוֹין גֵיין רוּפְן אִיר מַאן. וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען הָאט דֶער רֶבִּי גֶענוּמֶען דֶעם שְׁטֶעקְן, עֶר הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן גֶעבְּן מַכּוֹת אוּן גֶעזָאגְט: "מִן הַסְתַּם הָאסְטוּ נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְזוּכְט קְלֶעפּ, ווֵיל אִיךְ דוּ זָאלְסְט שְׁפִּירְן ווִי אַזוֹי דָאס שְׁפִּירְט וֶוען דוּ שְׁלָאגְסְט דַיין וַוייבּ".

אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי קִינְדֶער, אַמָאל קֶען זַיין אַז דִי קִינְדֶער וָואס שְׁלָאגְן, צִיפְּן אוּן טְשֶׁעפֶּען הָאבְּן נָאכְנִישְׁט פַארְזוּכְט דֶעם טַעַם, דַארְף מֶען זֵיי דָאס גֶעבְּן צוּ שְׁפִּירְן.

לֶערְנְט אוֹיס אַייעֶרֶע קִינְדֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אַנְדֶערֶע, קֵיינְמָאל נִישְׁט וֵויי טוּן אַנְדֶערֶע, אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט וֵויי גֶעטוּן אָדֶער גֶעטְשֶׁעפֶּעט - טָאר מֶען נִישְׁט מַאכְן קַיין נְקָמָה, אָבֶּער בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה וֶוען אֵיינֶער שְׁלָאגְט, צִיפְּט - מֶעג מֶען זִיךְ בַּאשִׁיצְן.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג פַאר גוּטֶע קִינְדֶער. מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ ווִי אַזוֹי עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזֶעלְכֶע גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "יֶעדֶע נַאכְט בִּשְׁעַת אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט תִּיקוּן חֲצוֹת הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעפוּלְט אַ כּוֹס מִיט טְרֶערְן, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פַאר גוּטֶע קִינְדֶער"; דָאס אִיז דֶער וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה פרשת דברים תשפ"ג)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קוֹל בְּרֶסְלֶב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876